8 אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק אַהיים. און ווען
די המונים מענטשן האָבן דאָס געזעען, האָבן זיי
זיך געפאָרכטן, און האָבן אָפּגעגעבן כבוד צו ג־ט,
וואָס האָט געגעבן אַזאַ רשות צו מענטשן.
9 און ווען ישוע איז פון דאָרטן ווייטער געגאַנגען,
האָט ער געזעען אַ מענטשן זיצן בײַם הויז פון
שטײַער, ער האָט געהייסן מתתיהו, און ער זאָגט
צו אים: פאָלג מיר נאָך! און ער איז אויפגעשטאַנען,
און האָט אים נאָכגעפאָלגט.
10 און עס איז געשען, בשעת ער איז געזעסן אין
הויז צום טיש, זע, אַ סך שטײַער־אויפמאַנער און
חוטאים זענען געקומען און האָבן זיך אַנידערגעזעצט
11 צוזאַמען מיט ישוען און מיט זײַנע תלמידים. און
ווען די פּרושים האָבן עס געזעען, האָבן זיי געזאָגט
צו זײַנע תלמידים: פאַרוואָס עסט אײַער רבי מיט
12 די שטײַער־אויפמאָנער און חוטאים? ווען אָבער ער
האָט דאָס געהערט, האָט ער געזאָגט: די געזונטע
דאַרפן נישט האָבן קיין רופא, נאָר די קראַנקע.
13 גייט און לערנט וואָס דאָס איז: איך וויל באַרמהער־
ציקייט, און נישט קיין קרבן. (הושע ו, ו) וואָרום איך
בין נישט געקומען רופן צדיקים, נאָר חוטאים.
14 דעמאָלט קומען צו אים יוחנן׳ס תלמידים, און
זאָגן: פאַרוואָס פאַסטן מיר און די פּרושים אָפּט־
15 מאָל, דײַנע תלמידים אָבער פאַסטן נישט? און
ישוע האָט צו זיי געזאָגט: צי קענען דען די אונ־
טערפירערס טרויערן, בשעת דער חתן איז מיט זיי?
עס וועלן אָבער קומען טעג, ווען דער חתן וועט
פון זיי אַוועקגענומען ווערן, און דעמאָלט וועלן זיי
16 פאַסטן. און קיינער לייגט נישט קיין לאַטע פון
נישט־געוואַלקעוועטן טוך אויף אַן אַלטן בגד;
וואָרום די לאַטע רייסט אָפּ פון דעם קלייד, און